# צווישן צוויי בערג

פֿון בריסקער רבֿ און ביאַלער רבין האָט איר אַוודאי געהערט, דאָך נישט אַלע ווייסן, אַז דער ביאַלער צדיק, ר׳ נחקע, איז פֿריִער געווען דעם בריסקער רבֿס אַ תּלמיד מובֿהק, אַז ער האָט בײַ אים געלערנט אַ שיינע פּאָר יאָר, און דערנאָך ערשט איז ער נעלם געוואָרן, אָפּגעהאַלטן אַ פּאָר יאָר „גלות" און איז נתגלה געוואָרן אין ביאַלע.

און אַוועק איז ער מהאַי טעמא: מען האָט געלערנט תּורה, נאָר די תּורה, האָט דער רבי געפֿילט, איז טרוקענע תּורה... מען לערנט, למשל, אַ דין פֿון שאלות נשים, פֿון בשׂר־בחלבֿ, צי דיני ממונות... זייער וווּיל! קומט ראובֿן ושמעון האָבן אַ דין־תּורה, קומט אַ משרת אַ שאלה פֿרעגן אָדער אַן אישה האָט אַ שאלה — קריגט באותה הרגע דאָס לערנען אַ חיות, לעבט עס אויף און עס האָט אַ ממשלה אויף דער וועלט. אָבער אַזוי, אָן זיי, פֿילט דער רבי, אַז די תּורה, דאָס הייסט, דער גוף פֿון דער תּורה, דער נגלה, דאָס וואָס עס ליגט פֿון אויבן אויף, איז טרוקן. נישט דאָס, האָט ער געפֿילט, איז תּורת חיים — תּורה דאַרף לעבן! לערנען אַנדערע קבלה־ספֿרים האָט מען אין בריסק נישט געטאָרט. דער בריסקער רבֿ איז געווען אַ מתנגד און בטבֿע אַ נוקם ונוטר כּנחש[1]. האָט עמעץ אָנגערירט אַ זהר, אַ פּרדס, פֿלעגט ער שעלטן, אין חרם אַרײַנלייגן! איינעם האָט מען געכאַפּט בײַ אַ קבלה־ספֿר, האָט ער אים געלאָזט אָפּגאָלן די באָרד דורך ערלים! וואָס קלערט איר? דער מענטש איז יצא מדעתו[2] געוואָרן, אין מרה־שחורה אַרײַנגעפֿאַלן. און וואָס מער חידוש איז, עס האָט אים שוין

[1] (גלײַכווערטל) נעמט נקמה און האַלט לאַנג אָן אַ שׂנאה, ווי אַ שלאַנג.

[2] אַראָפּ פֿון זינען.

קיין גוטער ייִד נישט געהאָלפֿן — איר שפּילט אײַך מיטן בריסקער רבֿ און פֿון דעסט וועגן, ווי פּאָרט מען עס אַוועק פֿון בריסקער רבֿס ישיבֿה?!

אַ צײַט לאַנג האָט ער זיך טאַקע געשלאָגן מיט דער דעה.

נאָר איין מאָל האָט מען אים געוויזן אַ חלום. עס האָט זיך אים געחלומט, אַז דער בריסקער רבֿ איז צו אים אַרײַנגעקומען און געזאָגט: קום, נח, וועל איך דיך פֿירן אין גן־עדן התּחתּון אַרײַן. זיי זײַנען געקומען אין אַ גרויסן פּאַלאַץ אַרײַן. אין פּאַלאַץ איז נישט געווען, נישט קיין טיר און נישט קיין פֿענצטער, אויסער די טיר דורך וועלכער זיי זײַנען אַרײַנגעגאַנגען. ליכטיק איז דאָך אין פּאַלאַץ געווען, ווײַל די ווענט, ווי עס האָט זיך דעם רבין געדאַכט, זײַנען געווען פֿון קרישטאָל און האָבן געשלאָגן פֿון זיך אַליין אַ ליכטיקן גלאַנץ.

און זיי גייען אַזוי, און גייען און מען זעט נישט קיין סוף.

— האַלט דיך אָן מײַן יופּעצע[3] — מאַכט דער בריסקער רבֿ — דאָ איז פֿאַראַנען סאַלעס אין לשער ואין לספּר. און קוים רײַסט דו דיך אָפּ פֿון מיר, וועסטו פֿאַרבלאָנדזשען אויף אייביק...

דער רבי טוט אַזוי. און זיי גייען אַלץ ווײַטער און ווײַטער. און אויפֿן גאַנצן וועג זעט ער נישט קיין בענקל, קיין שום כּלי־בית. גאָר נישט!

— דאָ זיצט מען נישט — פֿאַרטײַטשט אים דער בריסקער רבֿ

— נאָר מען גייט אַלץ ווײַטער און ווײַטער!

און ער איז אים נאָכגעגאַנגען. און איין זאַל איז גרעסער און ליכטיקער געווען פֿון דעם צווייטן. און די ווענט האָבן געשײַנט דאָ מיט דער, דאָ מיט אַן אַנדער קאָליר; דאָ מיט עטלעכע, דאָרט מיט אַלערליי קאָלירן... נאָר קיין מענטשן האָבן זיי נישט געטראָפֿן אויפֿן וועג...

[3] לאַנגע קאַפּאָטע.

# МЕЖ ДВУХ СКАЛ

*(Монолог меламеда)*



Про брестского раввина и бяльского ребе вы, конечно, прослышаны. Но мало кто знает, что бяльский цадик реб Нойахке был продолжительное время усердным учеником брестского раввина и под его руководством изучал священные письмена, затем он внезапно исчез, несколько лет был пустынником и объявился наконец в Бяле.

Почему он покинул ешибот раввина? Потому как он понял, что в ешиботе изучали Тору сухо, одни ее предписания и постановления... Если за разрешением казуса приходили живые люди, скажем, служка или женщина, то Тора приобретала живой характер и ее положения становились живой силой. Изучение такой Торы доставляло огромную радость...

Изучать каббалу запрещено было. Глава ешибота был миснагидом и по натуре злым и мстительным человеком. Стоило взять в руки Зогар или Пардес *, как он тут же проклинал и даже предавал анафеме.

Однажды, когда одного застали за каббалистической книгой, то раввин приказал сбрить ему бороду. И что вы думаете? Человек рехнулся, впал в меланхолию. И не удивительно, что ни один цадик не в силах был ему помочь. Был проклят брестским раввином, шутка ли! И все-таки как же это уходят из брестского ешибота?

Долгое время Нойахке колебался. Однажды он увидел во сне, как зашел к нему глава ешибота и сказал: «Дай, Нойахке, руку, и я поведу тебя и покажу земной рай». Очутились они в огромном дворце, где, кроме одного входа, не было ни дверей, ни окон. Во дворце, однако, было светло — стены, как почудилось ребе, были из хрусталя и ярко блестели.

Ходят они и ходят, а конца не видать.

— Держись за мою полу,— сказал раввин,— здесь несметное количество лабиринтов, отстанешь от меня — вечно будешь блуждать.

Шагают они все дальше и дальше, а на всем пути ни скамейки, ни стула.

— Здесь не сидят,— пояснил брестский раввин,— а идут все вперед и вперед.

דער רבי איז מיד געוואָרן גייענדיק. עס האָט אים באַגאָסן אַ שווייס, אַ קאַלטער שווייס. קאַלט איז אים אויך געוואָרן אין אַלע אבֿרים. דערצו הייבן אים נאָך אָן די אויגן ווי צו טאָן פֿון באַשטענדיקן גלאַנץ...

און עס איז אָנגעפֿאַלן אויף אים אַ שטאַרקע בענקשאַפֿט, אַ בענקשאַפֿט צו ייִדן, צו חבֿרים, צו כּל ישׂראל! אַ קלייניקייט — מען זעט קיין ייִד נישט פֿאַר זיך!...

— בענק נישט צו קיינעם — מאַכט דער בריסקער רבֿ — דאָס איז אַ פּאַלאַץ נאָר פֿאַר מיר און פֿאַר דיר... דו וועסט אויך אַ מאָל זײַן בריסקער רבֿ!

און דער רבי האָט זיך נאָך מער דערשראָקן און אָנגעכאַפּט זיך בײַ דער וואַנט, נישט אומצופֿאַלן. און די וואַנט האָט אים אָפּגעבריט, נאָר נישט ווי פֿײַער בריט, נאָר ווי אײַז בריט!

— רבי! — האָט ער אַ געשריי געטאָן — די ווענט זײַנען אײַז, נישט קרישטאָל! פּשוט אײַז!

דער בריסקער רבֿ שווײַגט.

און דער רבי שרײַט ווײַטער:

— רבי, פֿירט מיך אַרויס פֿון דאַנען! איך וויל נישט זײַן אַליין מיט אײַך! איך וויל זײַן צוזאַמען מיט כּל ישׂראל!

און קוים האָט ער עס אַרויסגעזאָגט, איז דער בריסקער רבֿ נעלם געוואָרן און ער איז געבליבן איינער אַליין אין פּאַלאַץ.

קיין וועג, ווי אַרײַן און ווי אַרויס, ווייסט ער נישט; פֿון די ווענט שלאָגט אויף אים אַ קאַלטער כּחד; און די בענקשאַפֿט צו אַ ייִד, צו דערזען אַ ייִד, באַדײַ[4] אַ שוסטער, אַ שנײַדער, איז אַלץ בײַ אים שטאַרקער און שטאַרקער געוואָרן. האָט ער אָנגעהויבן שטאַרק צו וויינען...

— רבונו של עולם, — האָט ער זיך געבעטן — נעם מיך אַרויס פֿון דאַנען! בעסער אין גיהנום מיט כּל ישׂראל צוזאַמען, איידער דאָ איינער אַליין!

און באותו הרגע האָט זיך אים באַוויזן אַ פּראָסט ייִדל מיט אַ רויטן בעל־עגלהשן גאַרטל אויף די לענדן און אַ לאַנגער בײַטש אין דער האַנט. דאָס ייִדל האָט אים שווײַגנדיק אָנגענומען בײַם אָרבל, אַרויסגעפֿירט פֿון פּאַלאַץ און איז — פֿאַרשוווּנדן געוואָרן. אַזאַ חלום האָט מען אים געוויזן!

אַז ער האָט זיך אויפֿגעכאַפּט פֿאַר טאָג, קוים וואָס עס האָט אָנגעהויבן גרויען, האָט ער פֿאַרשטאַנען, אַז עס איז נישט קיין פּראָסטער חלום געווען. ער האָט זיך געשווינד אָנגעטאָן און געוואָלט לויפֿן אין בית־המדרש אַרײַן, לאָזן זיך פּותר חלום זײַן פֿון די לומדים, וואָס נעכטיקן אין בית־המדרש. דורכגייענדיק דעם מאַרק, האָט ער אָבער דערזען אַ שטייענדיקע בויד, און אַנטקעגן איר שטייט אַ גרויסע פֿאַרצײַטישע בויד און בײַ דער בויד איז געשטאַנען אַ בעל־עגלה מיט אַ רויטן גאַרטל אַרום די לענדן, אַ לאַנגע בײַטש אין דער האַנט און פּונקט אַזאַ ייִדל ווי דער, וואָס האָט אים אין חלום אַרויסגעפֿירט פֿון פּאַלאַץ.

שטויסט ער זיך, אַז דבֿרים בגו[5]. גייט ער צו און פֿרעגט:

— וווּ אַהין פֿאָרט אַ ייִד?

— נישט דײַן וועג! — ענטפֿערט דער בעל־עגלה גאָר גראָב.

— פֿאָרט? — בעט ער זיך — אפֿשר וועל איך מיטפֿאָרן!

דער בעל־עגלה האָט זיך אַ ביסל פֿאַרטראַכט און דערנאָך געענטפֿערט:

— און צו פֿיס — זאָגט ער — קאָן אַזאַ בחור נישט גיין? גיי דיר דײַן וועג!

— און וווּ אַהין זאָל איך גיין?

— וווּ די אויגן וועלן דיך טראָגן! — ענטפֿערט דער בעל־עגלה און דרייט זיך אָפּ — מײַן דאגה!

---

[5] (אויך: דבֿרים בגב) רייד מיט אַ זין אין „הקר", אינעווייניק (קידושין מ״ד, כּתובות קי״א).

Раввин шагает, а вслед за ним и его ученик Нойахке. И залы были один больше и светлее другого, и стены сверкали то одним цветом, то другим, то несколькими цветами вместе. Но ни одной живой души не встретилось им.

Ребе устал, покрылся холодным потом, мороз сковал все его члены, глаза заболели от непрерывного блеска.

Тоска напала на него. Как можно так долго жить без людей, без евреев!

— Не тоскуй ни по ком,— сказал глава ешибота,— этот дворец только для нас, когда-нибудь и ты станешь раввином Бреста!

Этих слов ребе страшно испугался и, чтобы не упасть, ухватился рукой за стену, а она обожгла его, но не жаром огня, а холодом льда.

— Рабби,— вскрикнул Нойахке,— стены не из хрусталя, а из льда.

Брестский раввин молчит. Но Нойахке продолжает кричать:

— Рабби, уйдем отсюда, я не хочу быть один с вами, хочу быть вместе с народом.

Едва он вымолвил эти слова, брестский раввин исчез, и ребе один остался во дворце. Дороги он не знал, а со стен повеяло на него жутким холодом; тоска по человеку усилилась, желание видеть хотя бы сапожника или портного становилось все сильнее и сильнее, и ребе громко заплакал. «Вседержитель,— взмолился он,— помоги мне выбраться отсюда! Лучше с людьми в аду, чем одиноким во дворце».

Внезапно появился извозчик, перепоясанный красным кушаком, с длинным кнутом в руке; коснулся он рукава ребе, не проронив ни единого слова, вывел его из дворца и исчез.

Вот какое видение ему было.

Когда ребе проснулся, он понял, что это не обычный сон. Чуть свет он быстро оделся и хотел побежать к талмудистам, ночующим в синагоге, чтобы попросить их истолковать ему его сон. Но, проходя по базару, он увидал повозку со старинной будой, а рядом с ней извозчика в красном кушаке, с длинным кнутом в руке. Ну, точь-в-точь такой, как тот, какой явился ему во сне.

Понял ребе, что это знамение, и, подойдя к извозчику, спросил:

— Куда едешь, еврей?

— Не *твоей* дорогой,— грубо ответил ему возница.

— А все же, может, мне по пути?

Призадумался возница и ответил:

— А пешком такой парень не может пройти? Ступай своей дорогой!

— А куда мне, по какой дороге пойти? — спрашивает ребе.

— Куда глаза глядят,— произнес возница.— Не моя забота!

דער ביאַלער רבי האָט גאָר ווייניק געהאַלטן פֿון פּדיונות.

מיט וועמען אָבער רעדט מען?

איך פּרוּוו מיטן בריסקער רבֿס אײדעם. און איך ווייס — אַז ממש נפֿשו קשורה בנפֿשה. וואָרעם ווי ער האָט זיך נישט באַהאַלטן, האָט עס דאָס שלום־בית אַרויסגעשמעקט פֿון יעדן ווינקעלע, פֿון אַלע זייערע תּנועות און העוויות. איז ער דאָך אָבער דעם בריסקער רבֿס אײדעם! שפּײַט ער אויס, גייט ער אַוועק און לאָזט מיך שטיין מיט אַן אָפֿן מויל.

נעם איך מיך צו ר' יחיאלן אַליין. ענטפֿערט ער מיר: עס איז דעם בריסקער רבֿס טאָכטער! איך וועל עס אים, דעם בריסקער רבֿ, נישט טאָן, אַפֿילו בײַ סכּנות־נפֿשות, חס ושלום! פּרוּוו איך מיך מיט זײַן פּלוניתטע — אַ כּשרע ייִדענע, נאָר אַ פּראָסטע — ענטפֿערט זי מיר כּהאַי לישנא: זאָל מײַן מאַן הייסן, שיק איך באַלד צום רבין מײַן יום־טובֿדיק שפּערנטיכל מיט די אויריגלעך; אַ מטמון מיט געלט האָט עס געקאָסט! נאָר אָן מײַן מאַן, נישט קיין פּחות משווה פּרוטה[10] — נישט אַ פּיפּק!

— אָבער אַ קמיעל... וואָס שאַדט אײַך אַ קוויטל?

— אָן מײַן מאַנס וויסן, גאָר נישט! — ענטפֿערט זי, טאַקע ווי אַ כּשרע ייִדענע דאַרף ענטפֿערן, און דרייט זיך אָפּ פֿון מיר, און איך זע, אַז זי וויל נאָר באַהאַלטן די טרערן. אַ מאַמע! לבֿ יודע — איר האַרץ — איר האַרץ האָט שוין געפֿילט די סכּנה...

אַז איך האָב אָבער געהערט דעם ערשטן געשריי, בין איך אַליין געלאָפֿן צום רבין.

— שמעיה, — ענטפֿערט ער מיר — וואָס זאָל איך טאָן? איך וועל מתפּלל זײַן!

— גיט מיר, רבי, — בעט איך — פֿאַר דער יולדת וואָס עס איז — אַ שמירהלע, מטבע, אַ קמיעלע[11]... וואָס עס איז גיט מיר...

[10] ווייניקער ווערט פֿון אַ פּרוטה (סנהדרין נ"ז). — [11] טאַליזמאַן, פּסוק (פֿון אַ תּפֿילה) אָדער זאַך, וואָס מ'האַלט פֿאַר הייליק (אַ מזוזה אין אַ ברור לאָקל, אַ מגן־דוד): „ס'איז מולדיק".

— עס וועט, חס ושלום, ערגער מאַכן! — ענטפֿערט ער — אָן אמונה שאַדטן אַזעלכע זאַכן, און זי האָט דערינען קיין אמונה נישט...

וואָס האָב איך געקאָנט טאָן? עס איז די ערשטע טעג סוכּות. זי איז מקשה לילד, העלפֿן קאָן איך נישט, בלײַב איך שוין בעסער בײַם רבין אין שטוב. אַ בן־בית בין איך געווען, טראַכט איך מיר, איך וועל קוקן יעדע רגע מיט געבעט צום רבין, אפֿשר וועט ער זיך מרחם זײַן...

הערן הערט זיך, אַז עס איז נישט גוט. דעם דריטן טאָג שטייען שוין די ווייען... מען האָט שוין אַלץ געטאָן, וואָס מען האָט געקאָנט: די שול אײַנגעריסן, קבֿרים געמאָסטן, הונדערטער פֿונט ליכט אויסגעברענט אין שול, אין בתּי־מדרשים, הײַנט צדקה — אַ מטמון!... עס איז דען נאָכדערציילן? אַלע קליידערשענק זײַנען געשטאַנען אָפֿן. אַ באַרג מיט אַלערליי מטבעות איז געלעגן אויפֿן טיש און אָרעמע לײַט זײַנען אַרײַנגעקומען און גענומען ווער עס וויל, וואָס ער וויל, וויפֿל ער וויל.

עס האָט מיך שטאַרק אָנגעכאַפּט דאָס האַרץ.

— רבי, — זאָג איך — עס שטייט דאָך: צדקה תּציל ממוות.

און ער ענטפֿערט מיר, שלא ממין הטענה[12], דאַכט זיך:

— אפֿשר וועט קומען דער בריסקער רבֿ!

און באותו הרגע קומט אַרײַן ר' יחיאל. צום רבין רעדט ער נישט, גלײַך ווי ער וואָלט אים נישט געזען, נאָר —

— שמעיה, — זאָגט ער צו מיר און כאַפּט מיך אָן בײַם לאַץ — הינטן שטייט אַ פֿור. גיי, זעץ דיך און פֿאָר צום בריסקער רבֿ. זאָל ער קומען...

און געפֿילט האָט ער שוין, אַ פּנים, אין וואָס עס גייט, וואָרעם צוגעגעבן האָט ער:

— זאָל ער אַליין זען, וואָס עס טוט זיך! זאָל ער זאָגן, וואָס צו טאָן!

[12] נישט צום ענין, אַ זאַך אין אַ זייט, מחוץ דער טענה.

Обратился к самому реб Ехиелу, а он мне отвечает: «Она — дочь Брестского, против него я не пойду, даже, упаси бог, если это опасно для жизни».

Иду к его жене, уговариваю, но она мне говорит:

— Пусть мой муж прикажет, и я тут же отправлю ребе мои праздничные серьги, они стоили уйму денег! А без ведома мужа и ломаного гроша не дам.

— Но памятка!.. Она же не повредит.

— Без ведома мужа — ничего! — отвечает она и отворачивается от меня, хотя вижу, что на ее глазах слезы.

Мать, что и говорить! Чуяло материнское сердце, что пришла беда...

Когда я услышал первый крик, я сам побежал к ребе.

— Шмайе,— сказал он мне,— что я могу делать? Буду молиться.

— Ребе, дайте мне хоть что-нибудь для роженицы: амулет, талисман, монету...

— Это может, упаси бог, ухудшить ее положение. Талисманы без веры ей могут повредить.

Что мне оставалось делать?

Шли первые дни праздника суккот. У снохи реб Ехиела роды тяжелые, а я помочь ничем не могу. И решил я остаться на праздники у ребе. Был я у него своим человеком. Буду, подумал я, с мольбой смотреть на ребе, авось, он смилостивится...

Дошли ужасные слухи. Схватки и родовые муки продолжаются уже третий день. Все возможное было сделано: плакали на родных могилах, молились и сотни свечей зажигали в синагоге, не скупились на милостыни. Куча разных монет лежала на столе, платяные шкафы стояли распахнутыми, и нищие заходили и брали, кто что и сколько хотел.

Сердце у меня замирало.

— Ребе,— обратился я к нему,— ведь сказано в писании: «Милостыня спасает от смерти».

А он как бы невпопад ответил мне:

— Может, брестский раввин прибудет.

В ту минуту входит реб Ехиел, на нем лица нет, к ребе он не обращается, будто не видит его, а мне говорит:

— Шмайе, вот тут рядом за домом стоит подвода, садись и поезжай в Брест, пусть раввин приедет...

И добавил:

— Пускай сам увидит, что здесь происходит, и пусть сам скажет, что надо еще делать!

אוּן אַ פּנים האָט ער געהאַט — וואָס זאָל איך אײַך זאָגן? — מתים זײַנען שענער פאַר אים!

*

מילא, פאַר איך! טראַכטן טראַכט איך מיר, אַז אויב דער רבי ווייסט, אַז ער וועט קומען, וועט שוין עפּעס דערפון אַרויס. אפשר נאָך אַ שלום, דאָס הייסט, נישט צווישן בריסקער רב מיטן ביאַלער רבין, זיי אַליין האָבן קיין מחלוקת נישט געפירט, נאָר צווישן די צדדים בכלל. הערעם באמת, אַז ער וועט קומען, וועט ער דאָך זען. אויגן האָט ער הײַנט!

נאָר מן השמים, אַ פּנים, לאָזט מען אַזאַ זאַך אַזוי געשווינד נישט צו. מן השמים האָט מען מיט מיר מלחמה געהאַלטן. קוים בין איך אַרויסגעפאָרן פון ביאַלע, גיט זיך איבערן הימל אַ יאָג אַ כמאַרע. אָבער ווי הייסט אַ כמאַרע! אַ שוואַרצער שווערער וואָלקן, ממש ווי אַ סמאָלע, און אַ בלאָז האָט פּלוצעם געטאָן, גלײַך עס וואָלטן רוחות געפלויגן און פון אַלע זײַטן מיט אַ מאָל. אַ פּויער, להבדיל, פאַרשטייט זיך אויף אַזוינע זאַכן, צלמט ער זיך און זאָגט, אַז עס וועט זײַן, חס ושלום, אַ שווערער וועג און ווײַזט מיר מיט דער בײַטש אין הימל אַרײַן... תוך כדי־דיבור מאַכט זיך נאָך אַ שטאַרקערער ווינט, ער צערײַסט די כמאַרע, ממש ווי מען צערײַסט אַ שטיק פּאַפּיר, און הייבט אָן צו יאָגן און צו טרײַבן איין שטיק כמאַרע אויף דער צווייטער, איינע אויף דער צווייטער, גלײַך ער וואָלט קריעס געטריבן אויף אַ טײַך. איך האָב שוין איבערן קאָפּ צוויי שטאָק און דרײַ שטאָק כמאַרע. לכתחילה האָב איך אַפילו קיין מורא נישט געהאַט: אויסגענעצט ווערן איז בײַ מיר קיין נײַס נישט געווען און פאַר דונערן שרעק איך מיך נישט. ערשטנס, דונערט נישט סוכות־צײַט און צווייטנס — נאָכן רבינס שופר בלאָזן! מיר האָבן אַ קמאַ לך, אַז נאָך אַזאַ שופר בלאָזן האָט אַ גאַנץ יאָר קיין דונער קיין שליטה נישט. אַז עס האָט אָבער ראַפּטעם געגעבן אַ פּליאַסק מיר אין פּנים אַרײַן, ווי מיט אַ בײַטש... איין מאָל, דאָס צווייטע מאָל, דאָס דריטע מאָל... איז מיר טאַקע דער מוטערס מילך אַנטפאַלן. איך האָב געזען בחוש, אַז דער הימל פּאַטשט מיך, אַז מען טרײַבט מיך צוריק...

און דער פּויער, להבדיל, בעט זיך אויך: לאָמיר צוריקפאָרן.

איך ווייס אָבער, עס איז סכנות־נפשות, איך זיץ אויף דער פור און אינעם שטורעם הער איך ווי די יולדת קרעכצט, ווי דעם בריסקער רבס איידעמס פינגער קנאַקן. ער ברעכט זיך די הענט; אויך זע איך פאַר מיר ר׳ יחיאלס שוואַרץ פּנים מיט די אײַנגעפאַלענע, ברענענדיקע אויגן! „פאָר, בעט ער מיך, פאָר" — און מיר פאָרן.

און דאָ גיסט און גיסט, עס גיסט פון אויבן, עס שפּריצט פון אונטער דער ערד, און פון אונטער די פערדס פיס. און דער וועג ווערט אין גאַנצן פאַרגאַסן, ממש באַדעקט מיט וואַסער. איבערן וואַסער גייט אַ פּאַנע[13], די פור, דאַכט זיך, הייבט שוין אָן שווימען — — וואָס זאָל איך אײַך דערציילן? מיר האָבן נאָך דערצו געבלאָנדזשעט... נאָר אויסגעהאַלטן האָב איך!

מיטן בריסקער רב בין איך געקומען אויף הושענא רבה.

נאָר, דעם אמת צו זאָגן, אַזוי ווי דער בריסקער רב האָט זיך אַרויפגעזעצט אויף דער פור, איז שטיל געוואָרן. די כמאַרע האָט זיך איבערגעריסן, פון שפּאַלט האָט זיך אַרויסגעוויזן די זון און מיר זײַנען בשלום שיין און טרוקן אַרײַנגעפאָרן קיין ביאַלע. דער פּויער, להבדיל, האָט עס אַפילו באַמערקט און געזאָגט אויף זײַן לשון: „וועלקי ראַבין צי דוזשי ראַבין[14]!...

נאָר דער עיקר איז געווען אונדזער אַרײַנקומען.

ווי די היישעריקן זײַנען צו אים צוגעפאַלן די ווײַבער, וואָס זײַנען אין שטוב געווען... כמעט אויפן פּנים זײַנען זיי פאַר אים געפאַלן און געוויינט... די יולדת פון דער צווייטער שטוב הערט מען נישט, אָדער דורכן געוויין פון די ווײַבער אָדער, טראַכט איך, זי האָט שוין, חס ושלום, קיין כוח נישט צו קרעכצן... ר׳ יחיאל האָט אונדז

* * *

Раз просит, думаю я, надо поехать, а если ребе заранее знал, что Брестский должен прибыть, то из этого кое-что да выйдет. Быть может, они помирятся. То есть не раввин с ребе, ведь они никогда не ссорились, а враждующие стороны: хасиды и миснагиды. Если раввин прибудет, он ведь увидит. Есть же глаза у него!

Но на небесах думали иначе. Не так скоро там дали согласие на разрешение спора. Небо объявило мне войну.

Едва я выехал из Бялы, небо затянулось тяжелой черной, как смола, тучей и разом подул сильный ветер, словно черти плясали.

Мужик, хорошо разбиравшийся в таких вещах, перекрестился и предупредил меня, что будет, упаси боже, скверная дорога, и показал кнутом на небо.

Вскоре ветер усилился и стал рвать тучи на части, как рвут лист бумаги в клочки, и разорванные куски понеслись с бешеной скоростью. Как льдины в половодье, так и тучи наслаивались одна на другую, и над моей головой повисло несколько облачных этажей. Я, собственно говоря, страху не испытывал: промокнуть мне не привыкать стать и гром для меня не новость, тем более что в суккот не бывает грозы.

Но когда разверзлись небесные хляби и начался потоп, то материнское молоко застыло в моих жилах. Я воочию убедился, что небо хлещет меня по щекам и гонит назад, в Бялу. И мужик, не будь рядом помянут, тоже просится: повернем оглобли.

Я сразу сообразил, что жизнь моя в опасности, но, сидя в подводе под этой неутихающей бурей, слышал стоны роженицы и хруст пальцев ее мужа. И видел я осунувшееся лицо реб Ехиела, его впалые глаза и его умоляющий голос: «Поезжай, поезжай!»

И мы продолжали наш путь. А небо нас поливает, кругом вода, брызгает из-под колес, из-под ног лошадей, дорогу совсем залило, лошадь и подвода поплыла... Что было дальше, долго рассказывать. Ко всему прочему, мы еще блуждали. Но я все-таки выиграл бой, устоял. Вернулся в Бялу на гейшанорабо с брестским раввином.

И правду сказать, как только Брестский сел в подводу, все затихло. Рассеялись тучи, и показалось солнце, и мы благополучно приехали в Бялу. Даже мужик это понял, так и сказал на своем языке: «Великий рабин» или «Дюжий рабин».

Но самое главное произошло, когда мы переступили порог дома реб Ехиела. Подобно саранче, кипулись к нему женщины, падали перед ним и плакали... Стонов роженицы было не слышно. То ли потому, что женщины рыдали, то ли потому, что она, не дай бог, выбилась из сил...

Реб Ехиел нас даже не заметил. Он стоял, прижавшись лбом к оконному стеклу, будто голова его горела огнем. И зять Брестского стоял лицом к стене. Тело его корчилось от мук. Он даже не повернулся посмотреть, кто к ним приехал.

---

[13] שוים. — [14] אַ רב אַ ריז אָדער אַ גרויסער רב.

אַפּילו נישט געזען: ער איז געשטאַנען אַרײַנגעדריקט מיטן שטערן אין אַ שויב, דער קאָפּ האָט אים אַ פּנים געברענט...

דעם בריסקער רבֿס אידעם דרייט זיך אויך נישט איבער דער־לאַנגען שלום. ער שטייט מיטן פּנים צו דער וואַנט און איך זע בחוש, ווי דער גוף זײַנער ציטערט און ווי דער קאָפּ קלאַפּט אין דער וואַנט!...

איך האָב געציטערט. איך פֿאַל! אַזוי האָט מיך דער צער און די שרעק דורך־און־דורך דורכגענומען. עס איז מיר קאַלט געוואָרן אין אַלע אבֿרים. איך האָב געפֿילט, אַז די נשמה ווערט אין מיר קאַלט!...

נאָר, צי האָט איר געקענט דעם בריסקער רבֿ?

דאָס איז געווען אַ מענטש — אַן עמוד ברזל, זאָג איך אײַך! אַ הויכער, הויכער ייִד, טאַקע „משכמו ומעלה"[15]... אַן אימה האָט ער געוואָרפֿן, ווי אַ מלכות! — אַ ווײַסע, לאַנגע באָרד; אײַך שפּיץ, געדענק איך נאָך ווי הײַנט, האָט זיך אים אַרײַנגערוקט אונטערן גאַרטל, דער צווייטער שפּיץ באָרד ציטערט איבערן גאַרטל...

ברעמען — ווײַסע, דיקע, לאַנגע — אַ האַלב פּנים האָבן די אים פֿאַרשטעלט. און אַז ער האָט די אויפֿגעהויבן — רבונו של עולם! די נשים זײַנען ממש צוריקגעפֿאַלן, ווי פֿון אַ דונער צוריקגעוואָרפֿן. אַזוינע אויגן האָט ער געהאַט! — חלפֿים, בלאַנקע חלפֿים האָבן אין זיי געבליצט. און אַ געשריי האָט ער געטאָן ווי אַ לייב:

— אַוועק, נשים!

דערנאָך האָט ער שטילער און אידעלער געפֿרעגט:

— און וווּ איז מײַן טאָכטער?

מען האָט אים געוויזן.

ער איז אַרײַנגעגאַנגען און איך בין געבליבן שטיין ממש אַרויס פֿון די כּלים: אַזוינע אויגן, אַזאַ בליק, אַזאַ קול! עס איז גאָר אַן אַנדער

15 (העכער, הייכיקער פֿון אַלעמען) וועגן שאולן: „משכמו ומעלה גבוה מכל העם", פֿון זײַן אַקסל און אַרויף איז ער געווען העכער פֿון גאַנצן פֿאָלק (שמואל א', ט', ב)

דרך, אַן אַנדער וועלט! דעם ביאַלער רבינס אויגן לײַכטן אַזוי גוט, אַזוי שטיל, עס קומט אַרײַן אַ חיות אין האַרץ; ער וואַרפֿט אויף דיר אַ בליק, האָט ער דיך מיט גאָלד באַשיט... און זײַן קול, דאָס זיסע קול, דאָס סאַמעטן זיסע קול — רבונו של עולם, בײַם האַרץ כאַפּט עס אָן, בײַם האַרץ גלעט עס אַזוי שטיל, אַזוי מחיהדיק... נישט קיין מורא, חס ושלום, האָט מען פֿאַר'ן[16], נאָר די נשמה צעגייט אין ליבשאַפֿט, אין מתיקות פֿון ליבשאַפֿט. זי וויל אַרויס פֿון גוף און באַהעפֿטן זיך מיט זײַן נשמה... זי רײַסט זיך ווי, להבֿדיל, אַ המער־פֿליגעלע צו אַ העלן פֿלאַם!... און דאָ — רבונו של עולם — אימה ופּחד! אַ גאון, אַ פֿאַרביסענער גאון! און ער גייט אַרײַן צו אַ יולדת!

— „ער וועט פֿון איר מאַכן — שרעק איך מיך — אַ גל של עצמות[17]!"

לויף איך צום רבין.

און דער רבי באַגעגנט מיך באַלד אין טיר מיט אַ שמייכל:

— האָסט געזען — מאַכט ער — כּבֿוד התורה? ריינעם כּבֿוד התורה?

איך האָב מיך באַרויקט. אַז דער שמייכלט, טראַכט איך, איז גוט!

*

און עס איז טאַקע גוט געווען. שמיני עצרת איז זי איבערגעקומען. שמחת־תורה האָט שוין דער בריסקער רבֿ געזאָגט תורה בײַם טיש. איך האָב געוואָלט ערגעץ אַנדערש זײַן בײַם טיש, נאָר איך האָב מורא געהאַט. בפֿרט אַז מיט מיר איז געווען אַ מנין... מען וועט בענטשן נבֿרך אלהינו[18]...

מילא, וואָס זאָל איך דערציילן? דעם בריסקער רבֿס תורה? אויב די תורה איז אַ ים, איז ער געווען דער לוויתן אין ים — מיט איין

16 (פּויליש־ייִדיש) פֿאַר אים

17 (אַ באַרג אַש) וועגן ר' שמעון בר יוחאי: „ועשהו גל של עצמות", אַ באַרג מיט ביינער (שבת ל"ד). — 18 בײַם אָנהייבן בענטשן נאָכן עסן, ווען עס זײַנען דאָ מען מזומן: „ברשות... נבֿרך אלהינו"...

Я думал — лопну от досады. Холод сковал все мои члены. Чувствую, что и душа во мне холодеет.

Но вы ведь знали брестского раввина? Это был железный человек. Высокий, с длинной бородой, статный, он напоминал царя. Брови у него белые, густые. Когда он их поднимал, женщины падали в обморок. А какие глаза были у него! Острые, как бритвы.

Едва женщины дома реб Ехиела обступили его, он, как лев, зарычал:

— Прочь отсюда, бабы!

А затем тихо и приветливо спросил:

— Где моя дочь?

Ему указали, и он вошел. А я остался один. Зло меня взяло: что за глаза, какой голос! Совсем другой нрав, другой мир. Глаза бяльского ребе светятся добротой, посмотрит он на вас, и вам становится хорошо на душе. А его голос? Боже, что за голос? Ласковый, добрый, сердечный. Его, спаси господи, никто не боится. Рядом с ним душа тает от любви к нему, она горит желанием слиться с его душою. А этот? Помилуй мя господи, страх, ужас! И это он вошел проведать роженицу! Да он ее изничтожит, в груду костей превратит. И я побежал к ребе.

А ребе встретил меня с улыбкой.

— Ну, что скажешь,— спросил он,— видел ли ты «величие Торы?»

Я успокоился. Раз ребе улыбается, все будет хорошо.

* * *

И в самом деле вышло хорошо. В предпоследний день суккот она родила. А назавтра в симхастойре брестский раввин произнес ученую речь за столом... Я вам так скажу, если Тора — океан, то он Левиафан в океане, одним движением он перелистал девять трактатов Талмуда. В нем все бурлило и кипело. Все в нем клокотало, как в океане. В голове у меня все ходуном пошло. Но сердце осталось холодным. Никакой радости, никакого праздника. Я и вспомнил видение ребе.

Солнце светило в окно, столы ломились от вина, народ слушал и обливался потом. А мне было холодно, невыносимо холодно. *Там,* знал я, читают Тору совсем иначе. *Там* светло и тепло. *Там* каждое слово пронизано любовью и доброжелательством. *Там* ангелы реют над головой ребе и слышен шум их больших белых крыльев. Ах ты, творец мира! А уйти нельзя.

Вдруг Брестский прервал свою проповедь и спросил:

— Какой у вас здесь цадик?

— Некий Нойах,— ответили ему.

«Некий Нойах» резануло меня по сердцу.

— Чудотворец?— интересуется раввин.

תּנוּעה גיט ער אַ שווים דורך צען מסכתות; מיט איין תּנועה מישט ער אויס ש״ס ופּוסקים! אַז עס הילכט און שפּריצט, זידט און קאָכט, טאַקע ווי מען דערציילט פֿון אמתן ים... דעם קאָפּ האָט ער מיר צעשרויפֿט... נאָר „לבֿ יודע מרת נפֿשו״ [19]. דאָס האַרץ מײַנס האָט פֿאָרט נישט געהאַט קיין שׂמחת יום־טובֿ! און דעמאָלט האָב איך מיך דערמאָנט אין רבינס חלום... און איך בין פֿאַרשטאַרט געוואָרן. די זון איז געלעגן אין פֿענצטער; ווײַן האָט בײַם טיש נישט געפֿעלט; דער גאַנצער עולם, זע איך, שוויצט. און מיר? מיר איז געווען קאַלט, קאַלט ווי אײַז! און דאָרטן, האָב איך געוווּסט, זאָגט מען אַנדערע תּורה... דאָרטן איז ליכטיק און וואַרעם... יעדעס וואָרט איז דורכגעוועבט און דורכגעוויקט מיט אַהבֿה און דבֿקות... מלאָכים, פֿילט מען, פֿליִען אַרום טובֿ; ממש מען הערט, ווי עס רוישן די גרויסע, ווײַסע פֿליגל... אײַ, רבונו של עולם! נאָר אַוועקגיין טאָר מען נישט!

פּלוצלינג האַקט ער איבער, דער בריסקער רבֿ, און גיט אַ פֿרעג:

— וואָס פֿאַר אַ רבין האָט איר עס דאָ?

— „איינעם אַ נח״ — ענטפֿערט מען אים.

מילא, שנײַדט עס מיך בײַם האַרץ. „איינעם אַ נח״ — אַך, די חניפֿה, די חניפֿה!

— אַ בעל־מופֿת? — פֿרעגט ער ווײַטער.

— ווייניק, מען הערט נישט... ווײַבער אַפֿילו דערציילן. נאָר ווער הערט זיי?

— ער נעמט אַזוי געלט, אָן מופֿתים...

זאָגט מען אים שוין דעם אמת, אַז געלט נעמט ער ווייניק און גיט אַ סך אַוועק.

דער בריסקער רבֿ פֿאַרקלערט זיך.

— און לערנען קאָן ער?

— מען זאָגט: אַ גדול!

[19] אַ האַרץ ווייסט, ווען ס׳איז אָנגעזאַלצן אויף דער נשמה (משלי י״ד, י׳).

— פֿון וואַנען איז ער, דער נח?

קיינער ווייסט נישט און איך מוז ענטפֿערן. מאַכט זיך שוין אַ שמועס צווישן מיר מיטן בריסקער רבֿ.

— איז ער נישט, דער נח, אַ מאָל אין בריסק געווען? — פֿרעגט ער.

— צי דער רבי — שטאַמל איך — איז געווען אין בריסק? דאַכט זיך, יאָ!

— אָ! — מאַכט ער — אַ חסיד זײַנער! און עס האָט זיך מיר געדאַכט, אַז ער האָט אויף מיר אַ קוק געטאָן ווי אויף אַ שפּין.

און ער האָט זיך איבערגעדרייט צום עולם:

— בײַ מיר — זאָגט ער — איז אַמאָל געווען אַ תּלמיד „נח״... אַפֿילו אַ גוט קעפּל, נאָר עס האָט אים געצויגן אין יענער זײַט אַרײַן — — איך האָב אים איין מאָל געזאָגט, צווייִ מאָל... איך האָב אים געוואָלט זאָגן צום דריטן מאָל, מזהיר זײַן, איז ער מיר נעלם געוואָרן... צי איז עס נישט דער?

— ווער ווייסט?

און ער הייבט־אָן אויסמאָלן: אַ דאַרער, אַ קליינער, אַ שוואַרץ בערדל, שוואַרצע געקרײַזלטע פּיאות, אַ פֿאַרטראַכטער. אַ שטיל קול און דאָס גלײַכן.

— עס קאָן זײַן — זאָגט דער עולם — אַז דאָס איז ער; קרובֿ לאמת!

איך האָב שוין גאָט געדאַנקט, אַז מען האָט אָנגעהויבן בענטשן.

נאָר נאָך דעם בענטשן איז געשען אַזוינס, וואָס עס האָט זיך מיר גאָר נישט געקאָנט חלומען.

דער בריסקער רבֿ הייבט זיך אויף פֿון בענקל, רופֿט מיך אַוועק אין אַ זײַט און זאָגט מיר שטילערהייט: פֿיר מיך צו דײַן רבין און מײַן תּלמיד. נאָר, הערסט, — קיינער זאָל נישט וויסן!

[illegible] פֿאָלג איך. נאָר אויפֿן וועג פֿרעג איך אים בײַם [illegible]

— Нет, не слыхать, хотя бабы и поговаривают, но кто придает какое-либо значение их словам.

— Значит, деньги так берет, без чудес.

Но ему сказали правду, что берет он мало, а раздает много.

Раввин задумался.

— А Талмуд он знает? — допытывается Брестский.

— Говорят, глубоко и тонко.

— Откуда он, этот Нойах?

Никто из присутствующих не знает, пришлось мне вступить в разговор.

— Не был ли он учеником брестского ешибота? — спросил меня раввин.

— Кажется, был, — невнятно ответил я.

— А, — догадался раввин, — ты один из его приверженцев.

И он рассказал собравшимся:

— Когда-то был у меня ученик Нойах, голова у него была прекрасная, но его все тянуло в сторону. Я его один раз предупредил, другой, хотел было в третий раз, но он исчез. Не он ли это?

И раввин обрисовал его: худой, маленького роста, с черной бородкой, с черными вьющимися пейсами, задумчивый, с тихим голосом.

— Очень похож, — подтвердили сидящие за столом.

Затем произнесли потрапезную молитву. А после приключилось нечто небывалое. Отозвав меня в сторону, раввин шепотом сказал:

— Веди меня к *твоему* ребе и *моему* ученику, но об этом никто не должен знать.

И мы отправились. По дороге я спросил:

— Брестский раввин, с какой целью вы идете к нему?

— Во время потрапезной молитвы, — сказал раввин, — я понял, что нехорошо быть заглазным судьею... Видеть его хочу, видеть...

Затем он добавил:

— Быть может, с божьей помощью, я спасу его. А если твой ребе Нойах действительно был моим учеником, то он еще будет великим мужем в Израиле: когда-нибудь он станет брестским раввином!

* * *

— בריסקער רב, זאג איך — מיט וואס פאר א כוונה גייט איר?

און ער ענטפערט מיר פשוט:

— עס איז מיר איינגעפאלן ביים בענטשן, אז איך בין ביז אהער געווען א דן שלא בפניו[20]... זען וויל איך, איך וויל אליין זען, און אפשר — האט ער שפעטער צוגעגעבן — וועט מיר גאט העלפן, איך וועל ארויסראטעווען מיינס א תלמיד.

— ווייסט, שגץ, — מאכט ער וויטער מיט הלצה — אז אויב דיין רבי איז דער נח, וואס האט ביי מיר געלערנט, קען ער זיין א גדול בישראל, א בריסקער רב א מאל!

אצינד האב איך שוין זיכער געוווסט, אז דאס איז יר, און דאס הארץ האט ערשט אנגעהויבן צאפלען...

*

און די צווי בערג האבן זיך צוזאמענגעטראפן... אז איך בין אין דער מיט נישט געבליבן אויפן ארט, איז טאקע א נס מן השמים.

דער ביאלער רבי, זכרונו לברכה, פלעגט שמחת־תורה ארויס־שיקן די חסידים־שפאצירן ארויס דער שטאט און ער אליין איז זיך געזעסן אויפן גאניקל, און געקוקט, און מקבל נחת געווען.

עס איז נישט געווען הייניטקע ביאלע. עס איז געווען דעמאלט נאך א קליין שטעטל. סאמע קליינע, נידעריקע, געבויטע הייזלעך: אויסער דער שול מיטן רבינס בית־המדרש. דעם רבינס גאניקל איז געווען אויפן צווייטן שטאק און מען האט פון גאניקל אלץ געזען ווי אויף דער האנט — די בערגלעך פון מזרח־זייט, דעם טייך פון מערב...

— — און דער רבי זיצט אויפן גאניקל און קוקט. דערזעט עטלעכע חסידים, וואס גייען און שווייגן, ווארפט ער זיי אראפ פון דער הויך א התחלה פון א ניגון. זיי כאפן־אונטער און גייען שוין ווייטער זינגענדיק — — און כיתות, כיתות גייען פארביי, און לאזן זיך ארויס

[20] אורטיילן אונטער די אויגן.

פון שטאט, מיט געזאנג, מיט אמתער פרייד, מיט אמתער שמחת־תורה... און דער רבי פלעגט זיך נישט רירן פון גאניקל.

דעמאלט אבער האט דער רבי, א פנים, דערהערט אנדערע טריט, האט ער זיך אויפגעהויבן און איז אקעגנגעגאנגען דעם בריסקער רב.

— שלום עליכם, רבי! — מאכט ער מיט עניוות און מיט זיין זיס קול.

— עליכם שלום, נח! — האט דער בריסקער רב געענטפערט.

— זיצט, רבי!

דער בריסקער רב זעצט זיך און דער ביאלער רבי שטעלט זיך פאר אים.

— זאג נאר, נח! — מאכט דער בריסקער רב מיט איפגעהויבענע ברעמען — וואס ביסט דו עס אנטלאפן פון מיין ישיבה? וואס האט דיר דארטן געפעלט?

— עס האט מיר, רבי, — ענטפערט ער געלאסן — אטעם פאר־פעלט... איך האב נישט געקאנט דעם אטעם כאפן...

— ווי הייסט? וואס רעדסט דו, נח?

— נישט מיר — פארטייטשט דער רבי מיט א שטילערן קול

— נאר מיין נשמה האט אטעם פארפעלט...

— פאר וואס, נח?

— אייער תורה, רבי, איז סאמע דין! אן רחמים איז זי! אן א פונק חסד איז אייער תורה! און דעריבער איז זי אן שמחה, אן פרייען אטעם... סאמע ברזל ונחשת, אייזערנע חוקים, קופערנע דינים... און סאמע הויכע תורה, פאר לומדים, פאר יחידי־סגולה!...

דער בריסקער רב שווייגט און דער רבי זאגט ווייטער:

— און זאגט מיר, רבי, וואס האט איר פארן כלל־ישראל? פארן האלצהעקער, פארן קצב, פארן בעל־מלאכה, פארן פראסטן ייד?... בפרט — פאר א זינדיקן ייד? וואס, רבי, האט איר פאר נישט לומדים?

דער בריסקער רב שווייגט, גלייך ער פארשטייט נישט, וואס

И две скалы встретились. Как я меж ними остался в живых, одному богу известно.

Бяльский ребе, благословенна память его, в симхастойр посылал своих хасидов гулять за город, а сам сидел на балкончике, наблюдал и радовался за них.

Бяла была тогда маленьким городком, с небольшими низкими избушками. Выделялись своей высотой синагога и дом ребе. Балкончик находился на втором этаже, и отсюда городок просматривался как на ладони: холмы на востоке, река на западе.

А ребе сидит себе на балкончике и все видит: идут хасиды и молчат. И ребе бросает им сверху запев хасидской мелодии, а они хором подхватывают его и продолжают прогулку в приподнятом настроении: поют, танцуют, радуются и веселятся.

Но вот ребе, видимо, услышал совсем другие шаги, поднялся со своего места и пошел навстречу брестскому раввину.

— Шолом алейхем, рабби,— произнес он сердечно.

— Алейхем шолом, Нойах,— ответил Брестский.

— Садитесь, рабби!

Брестский сел, а ребе стоит перед ним.

— Скажи мне, Нойах, почему ты удрал из моего ешиботы? Чего тебе там недоставало?

— Воздуха, рабби, недоставало воздуха, нечем было дышать.

— Что ты говоришь, Нойах?

— Не мне,— поясняет ребе,— а моей душе.

— Почему, Нойах?

— Ваша Тора, рабби, лишь жестокий закон, без тени милосердия. Потому ваше учение не овеяно весельем, и оно лишено духа живого... Одни железные законоположения, медные установления и предписания. Ваша Тора лишь для избранных, для ученых...

Молчит брестский раввин. А ребе продолжает:

— Что вы можете дать простым евреям, дровосекам, портным, сапожникам и другим ремесленникам? Что у вас для грешного человека, для неуча?

Брестский молчит, прикидывается, будто не понимает.

А ребе наступает:

— Извините меня, рабби, но я должен сказать: ваше учение, рабби, плоть, лишенная духа, ваша Тора суха и жестка.

— Дух, говоришь? — спрашивает раввин и трет свой высокий лоб.

— Конечно! Ваша Тора, сказал я, для избранных, но не для народа, а она ведь душа всего Израиля.

מען רעדט צו אים. און דער ביאַלער רבי שטייט אַלץ פֿאַר אים און זאָגט ווייטער מיט זײַן זיס קול:

— זײַט מיר מוחל, רבי, נאָר דעם אמת מוז איך אײַך זאָגן... האַרט איז געווען אײַער תורה, האַרט און טרוקן, ווײַל זי איז נאָר דער גוף און נישט די נשמה פֿון דער תורה!

— די נשמה? — פֿרעגט דער בריסקער רב און רײַבט זיך דעם הויכן שטערן.

— אַוודאי! אײַער תורה, רבי, האָב איך געזאָגט, איז נאָר פֿאַר יחידי־סגולה, פֿאַר לומדים, נישט פֿאַר כּל־ישׂראל. און די תורה מוז זײַן פֿאַר כּל־ישׂראל! די שכינה מוז רוען אויף כּל־ישׂראל! וואָרעם די תורה איז די נשמה פֿון כּל־ישׂראל!

— און דײַן תורה, נח?

— איר ווילט זי זען, רבי?

— תורה — זען? — וווּנדערט זיך דער בריסקער רב.

— קומט, רבי, איך וועל זי אײַך ווײַזן!... איך וועל אײַך איר גלאַנץ ווײַזן, די שׂמחה וואָס שטראַלט־אַרויס פֿון איר אויף אַלע, אויף כּל־ישׂראל!

דער בריסקער רב רירט זיך נישט.

— איך בעט אײַך, רבי, קומט, נישט ווײַט!

ער האָט אים אַרויסגעפֿירט אויפֿן גאַניקל. שטילערהייט בין איך זיי נאָכגעגאַנגען.

דער רבי האָט דאָך דערפֿילט:

— מעגסט נאָכגיין, — מאַכט ער — שמעיה, הײַנט וועסטו אויך זען... דער בריסקער רב וועט אויך זען... שׂמחת־תורה וועט איר זען... איר וועט זען אמתע שׂמחת־תורה!

און איך האָב געזען דאָס אייגענע, וואָס אַלע שׂמחת־תורה, נאָר איך האָב אַנדערש געזען... ווי אַ פֿאָרהאַנג איז מיר אַראָפּגעפֿאַלן פֿון די אויגן.

אַ גרויסער, ברייטער הימל — ממש אין־סוף, און בלוי, אַזוי העלבלוי איז דער הימל געווען, אַז עס האָט מחיה געווען דאָס אויג. איבערן הימל זײַנען געשוווּמען ווײַסע, ממש זילבערנע וואָלקנדלעך, און אַז מען האָט זיך אין זיי אײַנגעקוקט, האָט מען געזען ווי זיי ציטערן ממש פֿאַר פֿרייד, ווי זיי טאַנצן־אונטער מיט שׂמחת־תורה. הינטן, ווײַטער, האָט אַרומגענומען די שטאָט אַ גרינער, ברייטער גאַרטל, אַ טונקל־גרינער, נאָר דאָס גריגע איז געווען אַזוי לעבעדיק גרין, אַזוי לעבעדיק, גלײַך עס וואָלט אַ חיות [22] אַרומגעפֿלויגן צווישן די גראָזן; וואָס אַ מאָל, האָט זיך געדאַכט, פֿלאַמט ערגעץ אַנדערש אויס אַ חיות, אַ געשמאַק, אַ לעבן; — מען האָט געזען בחוש, ווי די פֿלעמלעך שפּרינגען און טאַנצן צווישן די גרעזלעך... גלײַך זיי האַלדזן זיי און קושן זיי...

און אויף די לאָנקעס מיט די פֿלעמלעך האָבן זיך אַרומגעדרייט כּיתּות און כּיתּות פֿון חסידים... די אַטלאַסענע און אַפֿילו די לאַס־טינגענע קאַפּאָטעס האָבן געבלאַנקט ווי די שפּיגל, די צעריסענע ווי די גאַנצע... און די פֿלעמלעך, וואָס האָבן זיך אַרויסגעריסן פֿון צווישן די גרעזעלעך, האָבן זיך געכאַפּט און געשטעקט אין די שפּיגלדיקע בגדי יום־טוב, און עס האָט זיך געדאַכט, אַז זיי טאַנצן אַרום יעדן חסיד, מיט התלהבות, מיט ליבשאַפֿט... און אַלע כּיתּות חסידים האָבן געקוקט מיט וווּנדערלעך דאַרשטיקע אויגן אַרויף צום רבינס גאַניקל... און די דאַרשטיקע אויגן, האָב איך געזען ממש בחוש, זויגן פֿון גאַניקל, פֿון רבינס פּנים דאָס ליכט, און וואָס מער ליכט זיי האָבן געזויגן, העכער געזונגען האָבן זיי... אַלץ העכער און העכער... אַלץ לוסטיקער, אַלץ הייליקער...

און יעדע כּיתּה האָט זיך געזונגען איר ניגון, נאָר אין דער לופֿט האָבן זיך די אַלע ניגונים מיט די אַלע קולות אויסגעמישט: און צום רבינס גאַניקל איז צוגעקומען איין זמר, איין ניגון... גלײַך אַלע זינגען

— А твоя Тора, Нойах?
— Вы хотите ее видеть?
— Тору — видеть? — удивляется Брестский.
— Пойдемте, рабби, я вам ее покажу, радость, которую она излучает, покажу я вам.

Брестский раввин не двигается с места.

— Прошу вас, рабби, пойдемте — это здесь, рядом.

Ребе вывел Брестского на балкончик. А я за ними. Почувствовал это ребе и сказал мне:

— Шмайе, и тебе можно, ты и раввин сегодня увидите радость учения.

И я увидел то, что происходило в любой праздник симхастойре, но как-то иначе это узрел, будто пелену сняли с моих глаз.

Увидел бесконечное синее, чарующее небо, по которому плыли небольшие серебряные облака, которые, как мне показалось, радуются празднику симхастойре.

Город Бяла был опоясан густой зеленью, такой яркой, будто в траве витал дух живой. Видно было, как огоньки между трав прыгают, веселятся, обнимаются и целуются...

А на лужайке гуляют хасиды в атласных и ластиковых кафтанах. Даже рваные и те блестели новизной. А огоньки, вырываясь из травы, цеплялись за кафтаны хасидов, кружились вокруг них и неистово плясали.

Взоры всех хасидов были обращены в сторону балкончика, и они жадно всасывали свет, излучавшийся с лица ребе. И я воочию видел, что чем больше народ всасывает в себя этот свет, тем веселее он поет, тем громче, радостнее и восторженнее.

Каждая группа хасидов напевала свою мелодию, в воздухе носились разные голоса и напевы, но до балкончика ребе доходил один мотив, точно они распевали один общий гимн. А вместе с народом пели небо и звезды, земля и планеты. Все пели, душа мира пела!

«Превечный,— взмолился я,— раствориться бы душе моей в этом сладостном пении». Но мне это не суждено было...

— Наступил час предвечерней молитвы,— внезапно и резко заявил брестский раввин.

И все исчезло.

Кругом стало тихо. Снова пеленой покрылись мои глаза: над головой обычное серое небо, внизу самое обыкновенное поле и самые обыкновенные хасиды в рваных кафтанах, огоньки потухли, слышны были бессвязные отрывки старых мелодий.

Гляжу на ребе — лицо его помрачнело.

* * *

Так они и не сошлись: брестский раввин как был миснагидом, так и остался.

И все же эта встреча оказала на него некоторое влияние: Брестский уже более не проклинал приверженцев хасидизма.



[22] לעבנסקרעפֿטיק, „כי חיות הנה" (שמות א׳, י״ט), [illegible]

אין זמר. און אַלץ זינגען — דער הימל זינגט, די גלגלים[22] זינגען, און די ערד פון אונטן זינגט, און די נשמה פון דער וועלט זינגט — — — אַלץ זינגט!

רבונו של עולם! איך האָב געמיינט, איך צעגיי אין מתיקות...

עס איז אָבער נישט באַשערט געווען.

— מען דאַרף מנחה דאַוונען! — האָט פלוצלינג דער בריסקער רב אַרויסגעזאָגט שאַרף; און אַלץ איז פאַרשוווּנדן געוואָרן...

שטיל —— דער פאָרהאַנג איז מיר צוריקגעפאַלן פאַר די אויגן: אויבן — אַ פשוטער הימל, אונטן — פשוטע פאַזע, פשוטע חסידים אין צעריסענע קאַפּאָטעס... אַלטע צעריסענע שטיקלעך ניגונים... אויסגעלאָשן די פלעמלעך — איך קוק אויפן רבין, זײַן פנים איז אויך חושך — — —

*

די האָבן זיך נישט אויסגעגלײַכט; דער בריסקער רב איז געבליבן אַ מתנגד ווי פריִער; מיט דעם איז ער אַוועקגעפאָרן! דאָך אַ פעולה האָט עס געטאָן! גערודפט האָט ער שוין נישט.

1900